זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגֶא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שִׂפְתֵי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטְּאֹקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

**וזוגתו**

## **אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען און לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן און אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, און אִים דַאנְקֶען און לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לוּיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר', און וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל און מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׁפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"ש און סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט און גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ טַעַם און אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, און וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

איך הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

## ג

אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חַנָּה: לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא אַקְרוּקְתָּא דַּהֲוֵי כְּאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא, וְאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי? שִׁתִּין בָּתֵּי, אָתָא תַּנִּינָא בַּלְעָהּ, אָתָא פּוּשְׁקַנְצָא וּבַלְעָהּ לְתַנִּינָא, וְסָלִיק יָתִיב בְּאִילָנָה. תָּא חֲזִי כַּמָּה נָפִישׁ חֵילֵיהּ דְּאִילָנָא:

### רַשְׁבַּ"ם

**אַקְרוּקְתָּא** צְפַרְדֵּעַ: כְּאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא. גָּדוֹל הָיָה כְּאוֹתָהּ כְּרַךְ: וְאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי? שִׁתִּין בָּתֵּי. תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ: אָתָא תַּנִּינָא. רַבָּה קָאָמַר לָהּ: פּוּשְׁקַנְצָא. עוֹרֵב נְקֵבָה:

הִנֵּה מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר.

ג

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חַנָּה** רַבָּה בַּר בַּר חַנָּה הָאט גֶעזָאגְט: 'לְדִידִי חָזֵי לִי' אִיךְ הָאב גֶעזֶען, 'הַהִיא אַקְרוּקְתָּא' אַ פְרָאשׁ 'דַּהֲוֵי' וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס - 'כְּאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא' אַזוֹי וִוי דִי שְׁטָאט וָואס הֵייסְט הַגְרוֹנְיָא, 'וְאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי' אוּן וִוי גְרוֹיס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטָאט הַגְרוֹנְיָא? 'שִׁתִּין בָּתֵּי' אַזוֹי גְרוֹיס וִוי זֶעכְצִיג הֵייזֶער. 'אָתָא תַּנִּינָא' אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁלַאנְג, 'בַּלְעָהּ' אוּן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען דֶעם פְרָאשׁ, 'אָתָא פּוּשְׁקַנְצָא' אִיז גֶעקוּמֶען אַ רוֹיבּ-פוֹיגֶל, 'וּבַלְעָהּ לְתַנִּינָא' אוּן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען דֶעם שְׁלַאנְג, 'וְסָלִיק' אוּן דִי רוֹיבּ פֵייגֶל אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן, 'יָתִיב בְּאִילָנָה' זִיצְן אוֹיף אַ בּוֹים; 'תָּא חֲזִי' קוּם אוּן זֶע, 'כַּמָּה נָפִישׁ חֵילֵיהּ דְּאִילָנָא' וִוי שְׁטַארְק אִיז דֶער בּוֹים, אַז דֶער בּוֹים קֶען הַאלְטְן אַ פֵייגְל וָואס הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגְן אַ שְׁלַאנְג, וָואס הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען אַ פְרָאשׁ - וָואס אִיז גְרוֹיס וִוי זֶעכְצִיג הֵייזֶער.

**רַשְׁבַּ"ם** דֶער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט דִי גְמָרָא: **אַקְרוּקְתָּא.** דָאס אִיז צְפַרְדֵּעַ, אַ פְרָאשׁ: **כְּאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא. גָּדוֹל הָיָה כְּאוֹתָהּ כְּרַךְ**, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי שְׁטָאט: **וְאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי, שִׁתִּין בָּתֵּי. תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ**, דִי גְמָרָא זָאגְט דָאס: **אָתָא תַּנִּינָא. רַבָּה קָאָמַר לָהּ**, רַבָּה זָאגְט דָאס: **פּוּשְׁקַנְצָא. עוֹרֵב נְקֵבָה**, אַ רוֹיבּ פֵייגְל אַ נְקֵבָה:

(לְבָאוֹרָה אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָואס וִויל דֶער רַשְׁבַּ"ם זָאגְן מִיט תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ? אוּן וָואס וִויל עֶר זָאגְן מִיט רַבָּה קָאָמַר לָהּ? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דָאס שְׁפֶּעטֶער עֶרְקְלֶערְן).

**דער כֹּחַ פוּן אַ נִיגוּן**

**הִנֵּה מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע** דֶער וָואס הֶערְט לִידֶער פוּן אַ זִינְגֶער אַ רָשָׁע, **קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא** וֶועט אִים זַיין שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן** אוּן וֶוען עֶר הֶערְט לִידֶער פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער - **אֲזַי טוֹב לוֹ** וֶועט אִים גוּט זַיין, **כְּמוֹ**

שֶׁיִּתְבָּאֵר אַזוֹי ווי עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**אַן** עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער זִינְגְט לִידֶער פוּן הָאפֶענוּנְג, עֶר זִינְגְט לִידֶער פוּן תְּשׁוּבָה אוּן פוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען הֶערְט אוּן זִינְגְט דִי לִידֶער – הוֹיבְּט מֶען אָן זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ גֶעפִיל פוּן הָאפֶענוּנְג אוּן פוּן וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק; אוּן פַּארְקֶערְט, דִי רְשָׁעִים – זֵיי זִינְגֶען לִידֶער פוּן עַצְבוּת אוּן פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ יֵאוּשׁ. אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים פוּן נִיבּוּל פֶּה אוּן נִיאוּף, אוּן אַז מֶען הֶערְט זֵייעֶרֶע לִידֶער וֶוערְט מֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער סוֹד פוּן אַ נִיגוּן**

**כִּי** הִנֵּה קוֹל הַנְּגִינָה וַוייל דִי זַאךְ פוּן נִיגוּנִים – **נִמְשֶׁכֶת מִן הַצִּפֳּרִים** קוּמְט פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ; דִי פֵייגְלֶעךְ טוּעֶן שְׁטֶענְדִיג קְווִיטְשְׁקֶען, פַּייפְן אוּן זִינְגֶען. **כִּדְאִיתָא** בְּמִדְרָשׁ אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה טז): 'מִפְּנֵי מָה מְצֹרָע' פַארְוָואס דַארְף אַ קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ, 'טָהֳרָתוֹ תְּלוּיָה' זִיךְ רֵיינִיגְן – '**בִּשְׁתֵּי צִפֳּרִים** חַיּוֹת טְהוֹרוֹת' מִיט

**כִּי** הִנֵּה קוֹל הַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַצִּפֳּרִים, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה טז): 'מִפְּנֵי מָה מְצֹרָע טָהֳרָתוֹ תְּלוּיָה בִּשְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת? יָבוֹא קַלַּנְיָא וִיכַפֵּר עַל קַלַּנְיָא', כִּי נִלְקָה מֵחֲמַת קוֹלוֹ שֶׁדִּבֵּר לָשׁוֹן הָרָע.

**נִמְצָא** מִי שֶׁהוּא כָּשֵׁר, נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִן הַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת.

**וְכָתוּב** בַּזֹּהַר (וַיִּקְרָא נג:) שֶׁהַשְּׁתֵּי

פֵייגְלֶעךְ? '**יָבוֹא** קַלַּנְיָא' זָאל קוּמֶען אַ פֵייגְל וָואס קְווִיטְשְׁקֶעט – '**וִיכַפֵּר עַל** קַלַּנְיָא' אוּן פַארְצֵייעֶן אוֹיף קְווִיטְשְׁקֶען; כִּי נִלְקָה וַוייל מֶען וֶוערְט קְרֶעצִיג מֵחֲמַת קוֹלוֹ דוּרְךְ זִינְדִיגְן מִיטְן קוֹל, שֶׁדִּבֵּר לָשׁוֹן הָרַע וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע רֵייד.

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, מִי שֶׁהוּא כָּשֵׁר דֶער וָואס אִיז עֶרְלִיךְ, אוּן רֶעדְט נִישְׁט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר זִינְגְט לִידֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ זַיינֶע נִיגוּנִים קוּמֶען – מִן הַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת פוּן דִי רֵיינֶע צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן דִי צְוֵויי מִידוֹת בִּינָה אוּן מַלְכוּת, 'שְׁתֵּי צִפּוֹרִים' צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ. [כְּדֵי דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, דַארְף מֶען וִויסְן וָואס אִיז דָאס מַלְכוּת? אוּן וָואס אִיז דָאס בִּינָה? מַלְכוּת אִיז דָאס רֶעדְן, אוּן בִּינָה אִיז דָאס טְרַאכְטְן, אַ מֶענְטְשׁ זִינְגְט נִיגוּנִים פוּן וָואס עֶר רֶעדְט אוּן טְרַאכְט, וֶוען מֶען טְרַאכְט אוּן מֶען רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קוּמֶען דִי נִיגוּנִים פוּן דִי שְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת.]

**זוֹכֶה זַיין צוּ נְבוּאָה**

**וְכָתוּב** בַּזֹּהַר אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (וַיִּקְרָא נג:): **שֶׁהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים** הַנַּ"ל אַז דִי צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט פַארְן

צִפֳּרִים הַנַּ"ל, יוֹנְקִים מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין.

לְכָךְ נִקְרָא הַמְנַגֵּן חַזָּן, מִלְּשׁוֹן חָזוֹן, הַיְנוּ לְשׁוֹן נְבוּאָה, כִּי לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין.

וּכְשֶׁהַמְנַגֵּן הוּא רָשָׁע, אֲזַי הוּא לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִצִּפֳּרִים אֲחֵרוֹת

מְצוֹרָע זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן – יוֹנְקִים מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין זֵיי הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט נְבוּאָה; דֶער קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט קְרֶעץ וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת וְכוּ', אוּן אַז עֶר וִויל זִיךְ רֵיינִיגְן, זָאגְט דִי תּוֹרָה – מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ, אִים צוּ וַוייזְן אוּן זָאגְן: 'קוּק וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיט דַיין רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן, מִיט דַיינֶע צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ; אוֹיבּ וָואלְסְטוּ גֶענוּצְט דַיין דִּבּוּר אוּן מֹחַ – דִי צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ – פַאר גוּטֶע זַאכְן, וָואלְסְט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶערֶעדְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וָואלְסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן נְבוּאָה, צוּ חִיוּת טְהוֹרוֹת, לֶעבֶּעדִיגֶע פֵייגְלֶעךְ, וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה'. אַזוֹי וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): 'מֵעִיד אֲנִי שָׁמַיִם וָאָרֶץ' אִיךְ נֶעם עֵדוּת דִי הִימְל אוּן עֶרְד, 'בֵּין אִישׁ וּבֵין אִשָּׁה' סַיי אַ מַאן אוּן סַיי אַ פְרוֹי, 'בֵּין עֶבֶד וּבֵין שִׁפְחָה' סַיי אַ קְנֶעכְט אוּן סַיי אַ דִינְסְט, 'שֶׁהַכֹּל לְפִי מַעֲשֵׂה הָאָדָם, כֵּן נִמְשָׁךְ עָלָיו הַנְּבוּאָה' – קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ נְבוּאָה דוּרְךְ זֵייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; בִּפְרַט אַז מֶען זִינְגְט נִיגוּנִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ.

**דָאס וָואס דִי נְבִיאִים טוּעֶן**

**לְכָךְ** נִקְרָא הַמְנַגֵּן חַזָּן דֶערְפַאר וֶוערְט אַ זִינְגֶער אָנְגֶערוּפְן אַ חַזָּן, מִלְּשׁוֹן חָזוֹן דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע וָוארְט פוּן זֶען, הַיְנוּ לְשׁוֹן נְבוּאָה דִי זֶעלְבֶּע וָוארְט פוּן נְבוּאָה, כִּי לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה וַוייל דִי לִידֶער קוּמְט צוּ אִים – מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין פוּן דִי פְּלַאץ פוּן וואו עֶס קוּמְט נְבוּאָה; דֶער זִינְגֶער וָואס זִינְגְט לִידֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּשׁוּבָה – טוּט דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס דִי נְבִיאִים טוּעֶן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין מֶענְטְשְׁן אֱמוּנָה אוּן אִיז אַלֶעמֶען מְחַזֵּק דוּרְךְ דִי נִיגוּנִים, וָואס דָאס הָאבְּן דִי נְבִיאִים גֶעטוּן; זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ בִּיטֶערֶע נֶעץ**

**וּכְשֶׁהַמְנַגֵּן** הוּא רָשָׁע אוּן אוֹיבּ דֶער זִינְגֶער אִיז אַ רָשָׁע, אֲזַי הוּא לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ דֶעמָאלְט נֶעמְט עֶר זַיינֶע נִיגוּנִים – מִצִּפֳּרִים אֲחֵרוֹת שֶׁבַּקְּלִפָּה פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא. וַוייל אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אִין דִי קְדוּשָּׁה – אִיז דָא בַּיי דִי קְלִיפָּה; דֶער עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער זִינְגְט לִידֶער פוּן אֱמוּנָה, פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן פַארְקֶערְט, דֶער רָשָׁע – זִינְגְט לִידֶער פוּן שְׁמוּץ אוּן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוער עֶס הֶערְט דִי נִיגוּנִים פוּן דִי קְלִיפָּה – וֶוערְט פַארְכַאפְּט אִין אַ בִּיטֶערֶע נֶעץ. וְכָתוּב

שֶׁבַּקְּלִפָּה, וְכָתוּב בַּזֹּהַר כִּי הַצִּפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה יוֹנְקִין מִדַּדֵּי הַמַּלְכוּת, וְכַד אִתְפְּלַג לֵילְיָא כְּדֵין כְּרוֹזָא כָּרִיז: "כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי־אָדָם":

וְהַתִּקּוּן הוּא שֶׁיּוּכַל לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִכָּל אָדָם, הוּא עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, הַיְנוּ גְּמָרָא שֶׁהִיא בְּחִינַת לַיְלָה, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ: 'כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה, לֹא הָיָה יוֹדֵעַ מָתַי יוֹם וּמָתַי לַיְלָה, רַק עַל־יְדֵי־זֶה כְּשֶׁהָיָה לוֹמֵד תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב, הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא יוֹם, וּכְשֶׁלָּמַד תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא לַיְלָה', נִמְצָא, שֶׁהַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־

בַּזֹּהַר און עס שטייט אין זוהר (וַיְחִי, ריז:) כִּי הַצִּפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה אַז די פייגלעך פון די קְלִיפָּה, יוֹנְקִין מִדַּדֵּי הַמַּלְכוּת קומען פון די דַּדִּים פון מַלְכוּת, וְכַד אִתְפְּלַג לֵילְיָא און ווען עס ווערט נאכט - כְּדֵין כְּרוֹזָא כָּרִיז גייט אַרויס אַ קול וואס רופט אויס דעם פָּסוּק (קֹהֶלֶת ט, יב): 'כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפָּח' אַזוי ווי פייגלעך וואס זענען געכאפט אין נעץ, 'כָּהֵם' אַזוי ווי זיי - 'יוּקָשִׁים בְּנֵי אָדָם' אַזוי ווערן געפאנגען די מענטשן; ווייל דאס איז די גאנצע כֹּחַ פון די סִטְרָא אַחֲרָא, זיי מאכן טונקל. דער מענטש הויבט אָן שפירן ווי עס איז אים פינסטער, און דעמאָלט - 'כַּד אִתְפְּלַג לֵילְיָא' - ווען עס איז נאכט - פאלט מען אין עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, און דאס ברענגט מען זאל נִכְשָׁל ווערן אין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, ביז מען שפירט שוין אַז מען איז געפאנגען אין אַ נעץ, מען האט מען נישט קיין תַּקָּנָה.

**תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה**

**וְהַתִּקּוּן הוּא שֶׁיּוּכַל לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִכָּל אָדָם** עס איז דא אַ וועג מען זאל קענען הערן ניגונים פון יעדן איינעם, און עס זאל נישט שאטן דעם מענטש. הוּא עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דורך לערנען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה ביינאכט, הַיְנוּ גְּמָרָא שֶׁהִיא בְּחִינַת לַיְלָה דאס הייסט אַז מען לערנט גְּמָרָא וואס איז אַזוי ווי נאכט. אַ רְאָיָ' האט מען אַז גְּמָרָא איז אַזוי ווי נאכט, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ אַזוי ווי דער מִדְרָשׁ זאגט (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן כח, שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים, ט): 'כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה בָּהָר' ווען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ איז געווען אויפן בארג סִינַי, 'אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה', פערציג טעג און פערציג נעכט, 'לֹא הָיָה יוֹדֵעַ' האט ער נישט געוואוסט, 'מָתַי יוֹם וּמָתַי לַיְלָה', ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט, 'רַק עַל יְדֵי זֶה' נאר דורך דעם, 'כְּשֶׁהָיָה לוֹמֵד תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב' ווען ער האט געלערנט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב, 'הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא יוֹם' האט ער געוואוסט אַז יעצט איז טאג, 'וּכְשֶׁלָּמַד תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה' און ווען ער האט געלערנט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה - 'הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא לַיְלָה' האט ער געוואוסט אַז יעצט איז נאכט; נִמְצָא זעט מען פון דעם,

פֶּה הִיא בְּחִינַת לַיְלָה, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין כד.): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי", 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי', וּכְתִיב (בְּרֵאשִׁית א): "וְלַחֹשֶׁךְ קָרָא לָיְלָה".

הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שַׁ"ס יְתַקֵּן הַשֵּׁשׁ עִיזְקָאִין שֶׁבַּקָּנֶה, שֶׁמֵּהֶם יוֹצֵא הַקּוֹל, וְזֶהוּ (אֵיכָה ב): "קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה", הַיְנוּ שֶׁתִּהְיֶה תְּקוּמָה לְהָרִנָּה, הַיְנוּ עַל-יְדֵי הַלַּיְלָה שֶׁהִיא גְּמָרָא שַׁ"ס:

**אַךְ** כְּשֶׁלּוֹמֵד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, הַיְנוּ בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי, הַלִּמּוּד אֵינוֹ בַּחֲשִׁיבוּת כָּל כָּךְ, וּכְשֶׁלּוֹמֵד בַּלַּיְלָה, חוּט שֶׁל חֶסֶד נִמְשָׁךְ עָלָיו, וּמֵגֵן עָלָיו, שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הַמַּחֲשָׁבָה הַנַּ"ל:

---

שֶׁהַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה הִיא בְּחִינַת לַיְלָה אַז תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה – לֶערְנֶען גְּמָרָא – אִיז אַזוֹי ווִי נַאכְט.

**נָאךְ** אַ רַאיָ' אַז תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אִיז אַזוֹי ווִי נַאכְט, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי' אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאט עֶר מִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט – 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי' דָאס מֵיינְט מֶען דִי גְּמָרָא פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי, זֶעט מֶען אַז גְּמָרָא רוּפְט מֶען אָן פִינְסְטֶער, וּכְתִיב אוּן עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית א, ה): 'וְלַחֹשֶׁךְ' אוּן פַאר דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ – 'קָרָא לַיְלָה' הָאט עֶר גֶערוּפְן נַאכְט; זֶעט מֶען אַז פִינְסְטֶער אִיז נַאכְט.

**פַארְרֶעכְטְן דֶעם קוֹל**

הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שַׁ"ס דָאס הֵייסְט, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דִי שִׁשָּׁה סְדָרִים, יְתַקֵּן ווֶעט עֶר פַארְרֶעכְטְן – הַשֵּׁשׁ עִיזְקָאִין שֶׁבַּקָּנֶה דִי זֶעקְס רֶערְן פוּנֶעם קָנֶה, שֶׁמֵּהֶם יוֹצֵא הַקּוֹל וָואס גֶעבְּן אַרוֹיס דֶעם קוֹל. דִי זֶעקְס רֶערְן אִינֶעם קָנֶה אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי שִׁשָּׁה סְדָרִים פוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַ רַאיָ' אַז דַוְקָא לֶערְנֶען בַּיינַאכְט פַארְרֶעכְט דֶעם קוֹל. וְזֶהוּ דָאס אִיז פְּשַׁט (אֵיכָה ב, יט): 'קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה' שְׁטֵיי אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן לֶערְן תּוֹרָה, הַיְנוּ שֶׁתִּהְיֶה תְּקוּמָה לְהָרִנָּה עֶס ווֶעט פַארְרָאכְטְן ווֶערְן דָאס זִינְגֶען; הַיְנוּ עַל יְדֵי הַלַּיְלָה שֶׁהִיא גְּמָרָא שַׁ"ס דוּרְךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם קוֹל.

**לֶערְנֶען פַאר כָּבוֹד**

**אַךְ** כְּשֶׁלּוֹמֵד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיְנוּ בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי מֶען לֶערְנְט פַאר כָּבוֹד, מֶען זָאל אִים בַּאטִיטְלֶען מִיטְן טִיטְל 'רֶבִּי' – הַלִּמּוּד אֵינוֹ בַּחֲשִׁיבוּת כָּל כָּךְ אִיז דָאס לֶערְנֶען נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב. וּכְשֶׁלּוֹמֵד בַּלַּיְלָה אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט, חוּט שֶׁל חֶסֶד נִמְשָׁךְ עָלָיו קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי ווִי אַ פָּאדֶעם פוּן חֶסֶד וּמֵגֵן עָלָיו אוּן עֶס טוּט אִים בַּאשִׁיצְן – שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הַמַּחֲשָׁבָה הַנַּ"ל אַז דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבָה זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן.

**וְאִיתָא** בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל, כִּי צִפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה הֵם מֹחִין שֶׁבְּמַלְכוּת דִּקְלִפָּה, וְהַשְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת, הֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה.

**לְפִיכָךְ** נִשְׁתַּבַּח דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל (שְׁמוּאֵל-א טז): "וְיוֹדֵעַ נַגֵּן", כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת, לְכָךְ רָאוּי הוּא לְמַלְכוּת.

**וְזֶה** שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (תְּהִלִּים עח): "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ", הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, הַיְנוּ נֶצַח וָהוֹד, כִּי הֵם

**וְאִיתָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל** און עס ווערט געבּרענגט פון הייליגן אריז"ל (עַיֵּין עֵץ חַיִּים שַׁעַר מח, שַׁעַר הַקְּלִפּוֹת, פֶּרֶק ב) **כִּי צִפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה** אז די פייגלעך פון די קליפּה, **הֵם מֹחִין שֶׁבְּמַלְכוּת דִּקְלִפָּה**, דאס קומט פון די מוחין פון מלכות דקליפּה; ווייל ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן, מען מיינט אז די סטרא אחרא פירט דער וועלט, מען מיינט אז ביי זיי איז דאס שיינקייט, מען קוקט אן עבירות שיין - פון דעם קומט אז מען זאל זינגען און רעדן נישט ערליך. און פארקערט, **וְהַשְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת** די צוויי לעבעדיגע ריינע פייגלעך, **הֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** די קומען פון די מח פון חכמה און בינה פון קדושה; ווייל דורך טראכטן פון הייליגע זאכן, טראכטן פונעם אייבערשטן - רעדט דער מענטש ריין און ער זינגט ערליך, און ער בויט אויף די מלכות און שיינקייט פונעם אייבערשטן.

**רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ**

**לְפִיכָךְ נִשְׁתַּבַּח דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל** (שְׁמוּאֵל א טז, יח) דעריבער איז דוד אויסגעלויבט געווארן פאר שאול המלך מיטן טיטל: 'וְיוֹדֵעַ נַגֵּן' אז ער קען שיין זינגען, **כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת**, ווייל דורך זינגען צום אייבערשטן שירות ותשבחות - קומט מען צו מלכות, מען קומט צו רוח הקודש, מען הויבט אן פארשטיין אז אלעס איז דער אייבערשטער, און אז ער איז קעניג אויף די גאנצע וועלט, **לְכָךְ רָאוּי הוּא לְמַלְכוּת** דעריבער איז דוד המלך געווען פּאסיג צו ווערן קעניג. דוד המלך איז געווען א שטיק תפלה והתבודדות, גאנץ ספר תהלים איז אנגעפילט מיט שמועסן מיטן אייבערשטן און דאנקען דעם אייבערשטן, דורך דעם האט ער זוכה געווען צו באקומען רוח הקודש, צו ווערן קעניג אויף כלל ישראל, און מיט זיין מלוכה האט ער געבּרענגט אלע אידן צום אייבערשטן.

**וְזֶה שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ** (תְּהִלִּים עח, עא) דאס איז וואס שטייט ביי אים: 'מֵאַחַר עָלוֹת' פון אונטער די קליינע שעפעלעך - 'הֱבִיאוֹ' האט אים דער אייבערשטער געבּרענגט צו ווערן קעניג. **הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, הַיְנוּ נֶצַח וָהוֹד**, דאס הייסט פון דעם וואס דוד המלך איז נאכגעגאנגען די ספירות פון נצח און הוד, **כִּי הֵם מְנִיקִין לַנְּבִיאִים**, וואס פון דארט קומט די שפע פון נבואה, ווייל

מְנִיקִין לַנְּבִיאִים, וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת:

וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: 'לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא אַקְרוּקְתָּא', וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'צְפַרְדֵּעַ', הַיְנוּ צִפּוֹר דֵּעָה. 'דַּהֲוֵי כִּי אַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא', מִלְּשׁוֹן "קְרָא בְגָרוֹן" (יְשַׁעְיָהוּ נח), הַיְנוּ שֶׁהַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִמֶּנּוּ.

וָוען מֶען זִינְגְט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אייבֶּערְשְׁטְן – דָאס זֶענֶען דִי סְפִירוֹת 'נֶצַח' אוּן 'הוֹד'. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיט.): 'לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד', וָואס אִיז דִי טַייטְשׁ לַמְנַצֵּחַ? 'זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ', לוֹיבְּט צוּ דֶעם וָואס מֶען בַּאזִיגְט אִים – 'וְשָׂמֵחַ' אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם; דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער ווארְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט טַעֲנוֹת, אִים בֶּעטְן אוּן אִים מוּטְשֶׁען, אוּן 'הוֹד' דָאס אִיז דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן. דִי צְוֵויי סְפִירוֹת נֶצַח אוּן הוֹד, פוּן דֶעם קוּמְט דִי נְבוּאָה, וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת אוּן דוּרְךְ דִי שֶׁפַע פוּן נְבוּאָה וָואס קוּמְט פוּן נֶצַח אוּן הוֹד וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ג:): 'כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָּוִד' אַ פִידְל אִיז גֶעהָאנְגֶען הֶעכֶער דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס בֶּעט, 'וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה' אוּן ווען עֶס אִיז גֶעוָוארְן חֲצוֹת, 'בָּא רוּחַ צְפוֹנִית' אִיז גֶעקוּמֶען אַ צָפוֹן ווינְט, 'וְנוֹשֶׁבֶת בּוֹ' אוּן עֶס הָאט גֶעבְּלָאזְן אוֹיפְן פִידְל, 'וּמְנַגֵּן מֵאֵלָיו' אוּן דִי פִידְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם פִידְל אַ קוֹל פוּן נְבוּאָה אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה מִיט דִי ווערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה' דָאס הָאט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גֶעזָאגְט: 'לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא **אַקְרוּקְתָּא**' אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ פְרָאשׁ, וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם דֶער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט **צְפַרְדֵּעַ**, הַיְנוּ **צִפּוֹר** דֵּעָה. אַ פְרָאשׁ טְרָאגְט דֶעם נָאמֶען 'צְפַרְדֵּעַ', דָאס זֶענֶען דִי ווערְטֶער 'צִפּוֹר' אוּן 'דֵּעָה'; ווען פֵייגְלֶעךְ פְלִיעֶן הוֹיךְ אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְשְׁטִיג – הֶערְן זֵיי דִי גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן דִי פְרֶעשׁ, דִי פְרֶעשׁ שְׁרֵייעֶן צוּ זֵיי: 'דָא אִיז דָא וַואסֶער, קוּמְט טְרִינְקֶען', דָאס אִיז טַייטְשׁ 'צְפַרְדֵּעַ' – 'צִפּוֹר-דֵּעָה'; דִי פְרֶעשׁ גֶעבְּן פַארְשְׁטַאנְד פַאר דִי פֵייגְלֶעךְ. קוּמְט אוֹיס, אַ פְרָאשׁ אִיז אַ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַנְדֶערֶע אַ פַארְשְׁטַאנְד. רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ צִפּוֹר דֵּעָה, אִיךְ זֶע אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען בַּאקוּמֶען דַּעַת, צוּ ווִיסְן אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אוּן אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִים. 'דַּהֲוֵי כִּי **אַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא**' דִי צְפַרְדֵּעַ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס ווִי דִי שְׁטָאט הַגְרוֹנְיָא, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הַאלְז, דָאס זִינְגֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. מִלְּשׁוֹן אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אִין פָּסוּק, דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּם נָבִיא: '**קְרָא** בְגָרוֹן' (יְשַׁעְיָהוּ נח, א), רֶעד מִיט דַיין הַאלְז, הַיְנוּ שֶׁהַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִמֶּנּוּ דִי נִיגּוּנִים

קוּמֶען פוּן דִי הַאלְז. רַבָּה בַּר בַּר חַנָה אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז דוּרְךְ דִי הַאלְז - דוּרְךְ זִינְגֶען נִיגוּנִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען קוּמֶען צוּ שְׁלֵימוּת הַדַּעַת, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר עֶר. **'וְאַקְרָא דְּהַגְּרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי'** אוּן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי שְׁטָאט הַגְּרוֹנְיָא? **'שִׁתִּין בָּתֵּי'** אַזוֹי ווִי זֶעכְצִיג הַייזֶער. הַיְנוּ רַבָּה בַּר בַּר חַנָה זָאגְט: עַל יְדֵי מָה תְּתַקֵּן בְּחִינַת 'קְרָא בְּגָרוֹן' ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דִי הַאלְז? עַל יְדֵי 'שִׁתִּין בָּתֵּי', דוּרְךְ דִי זֶעכְצִיג הַייזֶער, הַיְנוּ עַל יְדֵי שִׁתִּין מַסֶּכְתּוֹת, דָאס מֵיינְט מֶען דִי זֶעכְצִיג מַסֶּכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס. וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם דָאס זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם אוֹיף דִי ווערְטֶער: תַּלְמוּדָא קָאֲמַר לָהּ, הַיְנוּ שֶׁיִּלְמַד תַּלְמוּד מֶען זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא; דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה ווֶערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲרָכִין טו:) ווֶער עֶס הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, אִיז זַיין תִּיקּוּן - דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; ווַייל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אַ כֹּחַ אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

**'וְאַקְרָא דְּהַגְּרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי? שִׁתִּין בָּתֵּי'**, הַיְנוּ עַל-יְדֵי מָה תְּתַקֵּן בְּחִינַת "קְרָא בְּגָרוֹן"? עַל-יְדֵי 'שִׁתִּין בָּתֵּי', הַיְנוּ עַל-יְדֵי שִׁתִּין מַסֶּכְתּוֹת, וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'תַּלְמוּדָא קָאֲמַר לָהּ', הַיְנוּ שֶׁיִּלְמַד תַּלְמוּד.

**אָתָא תַּנִּינָא בַּלְעָהּ** וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'רַבָּה קָאֲמַר לָהּ', הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ יִבְלַע אוֹתָהּ הַנָּחָשׁ, וְזֶה שֶׁפֵּרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'רַבָּה קָאֲמַר לָהּ', הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁיִּלְמוֹד בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי.

**'אָתָא פּוּשְׁקַנְצָא'** וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: 'עוֹרֵב',

**דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דֶער שְׁלַאנְג**

**'אָתָא תַּנִּינָא'** אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁלַאנְג, 'בַּלְעָהּ' אוּן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען דֶעם פְרָאשׁ. וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם: **רַבָּה קָאֲמַר לָהּ** עֶר זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'רַבָּה', הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמַד **שֶׁלֹּא** לִשְׁמָהּ עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה נִישְׁט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווֶעגְן, נָאר צוּ קְרִיגְן כָּבוֹד - **יִבְלַע אוֹתָהּ הַנָּחָשׁ** אַזוֹי טוּט דִי שְׁלַאנְג אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען, וְזֶה שֶׁפֵּרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם דָאס אִיז ווָאס דֶער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט: רַבָּה קָאֲמַר לָהּ דֶער שְׁלַאנְג זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: רַבָּה, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמוֹד בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי לֶערְנְן תּוֹרָה מִיט דִי כַּוָּנָה צוּ ווֶערְן אַ רֶבִּי, צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד. רַבָּה בַּר בַּר חַנָה אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז דֶער שְׁלַאנְג, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם - טוּט אַיינְשְׁלִינְגֶען דִי צְפַרְדֵּעַ, עֶר נֶעמְט אַווֶעק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דָאס שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מַחֲשָׁבוֹת פוּן לֶערְנֶען פַאר כָּבוֹד, עֶר לַאכְט אוֹיס דָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

**'אָתָא פּוּשְׁקַנְצָא'** אִיז גֶעקוּמֶען אַ פֵייגְל, וּפֵרֵשׁ רַשְׁבַּ"ם: **עוֹרֵב** דֶער רַשְׁבַּ"ם

הַיְנוּ עַל-יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה, מִלְּשׁוֹן עַרְבִית.

**'וּבָלְעָהּ'** הַיְנוּ וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. **'וְסָלִיק יָתִיב בְּאִילָנָא'**, פֵּרֵשׁ הַמַּהַרְשָׁ"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַבְרָהָם, שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (בְּרֵאשִׁית כא): "וַיִּטַּע אֵשֶׁל", שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד, הַיְנוּ שֶׁהַחוּט שֶׁל חֶסֶד שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו, מֵגֵן עָלָיו מִן

---

זָאגְט דָאס אִיז אַ רוֹיבּ-פוֹיגֶל וָואס אִיז שְׁוַוארְץ, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה, מִלְּשׁוֹן עַרְבִית מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, בַּיְינַאכְט וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל; וַוייל וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה - אִיז דָאס אַ בַּאוַויְיז אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּמִיד לב:): 'הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה' וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיְינַאכְט - 'שְׁכִינָה כְּנֶגְדּוֹ' אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים.

**לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין**

**רַבָּה** בַּר בַּר חָנָה אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיְינַאכְט; לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט טָאג, מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאךְ נִישְׁט - דָאס טוּט בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁלַאנְג. אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, מֶען נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אֲפִילוּ עֶס אִיז נַאכְט, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַ סֵדֶר הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל, מֶען זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא, אָנְהוֹיבְּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בְּגִירְסָא, בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דִי מַסֶּכְתָּא, אוּן וַוייטֶער גֵיין צוּ מַסֶּכֶת שַׁבָּת - דָאס בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אַן עֵצָה זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן**

**'וּבָלְעָהּ'** דִי רוֹיבּ-פֵייגְל הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען דֶעם שְׁלַאנְג, הַיְנוּ וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ זִיךְ הִיטְן פוּן דִי שְׁלַאנְג וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת פוּן לֶערְנֶען פַאר כָּבוֹד; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיְינַאכְט, וֶוען עֶס אִיז פַארְן מֶענְטְשׁ נַאכְט, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס אִיז אִים טוּנְקֶל - דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי. **'וְסָלִיק יָתִיב בְּאִילָנָא'** אוּן דִי רוֹיבּ-פֵייגְל אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן זִיצְן אוֹיף אַ בּוֹים, **פֵּרֵשׁ הַמַּהַרְשָׁ"א** דֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט: **שֶׁהוּא בְּחִינַת אַבְרָהָם** דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, **שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ** וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כא, לג): **'וַיִּטַּע אֵשֶׁל'** עֶר הָאט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אַ בּוֹים, וָואס פַאר אַ בּוֹים הָאט אַבְרָהָם אַיינְגֶעפְלַאנְצְט? **שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד**, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן חֶסֶד מִיט מֶענְטְשְׁן; אֵשֶׁ"ל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֲ'כִילָה שְׁ'תִיָּה לְ'ינָה, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן שְׁלָאפְן, הַיְנוּ שֶׁהַחוּט שֶׁל חֶסֶד שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו, וַוייל דֶער

הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. 'תָּא חֲזִי כַּמָּה נָפִישׁ חֵילֵיהּ דְּאִילָנָא', הַיְנוּ שֶׁרַבָּה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ, שֶׁכָּל־כָּךְ גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ, שֶׁאֲפִלּוּ עַל־זֶה יָכוֹל לְהָגֵן:

וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט - צִיט אוֹיף זִיךְ אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד אוּן דָאס בַּאשִׁיצְט אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): 'כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה' וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט, 'הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא' דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער - 'מוֹשֵׁךְ עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד' צִיט אַרוֹיף אוֹיף אִים אַ חֶסֶד, מֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל דָאס בַּאשִׁיצְט אִים פוּנֶעם שְׁלַאנְג, 'תָּא חֲזִי' קוּם אוּן זֶע, 'כַּמָּה נָפִישׁ חֵילֵיהּ דְּאִילָנָא' וִוי שְׁטַארְק דִי בּוֹים אִיז, הַיְנוּ שֶׁרַבָּה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ רַבָּה וואוּנְדֶערְט זִיךְ, שֶׁכָּל כָּךְ גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ אַז דֶעם אײבֶּערְשְׁטְנ'ס חֲסָדִים אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, שֶׁאֲפִלּוּ עַל זֶה יָכוֹל לְהָגֵן, אַז אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם גֶעבְּט עֶר אוּנְז אַן עֵצָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי קְלִיפָּה - דִי שְׁלַאנְג וָואס ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן; וַוייל וֶוען נִישְׁט דִי עֵצָה - וָואלְטְן מִיר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה צוּלִיב זִיךְ רוּפְן אַ רֶבִּי; אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמְקֵייט פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

וּבָזֶה יִתְיַשֵּׁב הַסְּמִיכוּת שֶׁל הַמִּשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק א): 'עֲשֵׂה לְךָ רַב, וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת', כִּי עַל־יְדֵי שֶׁשּׁוֹמֵעַ הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל, הוּא מְתַקֵּן בִּנְיַן הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ, וְזֶה 'עֲשֵׂה לְךָ רַב', הַיְנוּ שֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת, וְזֶה עַל־יְדֵי 'קְנֵה לְךָ חָבֵר', הַיְנוּ עַל־יְדֵי קָנֶה,

**קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען**

וּבָזֶה יִתְיַשֵּׁב הַסְּמִיכוּת שֶׁל הַמִּשְׁנָה מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק א, טז): 'עֲשֵׂה לְךָ רַב' מַאךְ זִיךְ אַ רַב 'וּקְנֵה לְךָ חָבֵר' אוּן נֶעם זִיךְ אַ גוּטֶער חָבֵר, 'וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת' אוּן קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. לִכְאוֹרָה וָואס אִיז דִי שַׁייכוּת פוּן דִי דְרַיי זַאכְן; זוּכְן אַ רֶבִּי, אַ חָבֵר אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען? נָאר דִי מִשְׁנָה קוּמְט אוּנְז זָאגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִינְגֶען נִיגוּנִים צוּם אײבֶּערְשְׁטְן; כִּי עַל־יְדֵי שֶׁשּׁוֹמֵעַ הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים - הוּא מְתַקֵּן בִּנְיַן הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'אַלֶעס אִיז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער'. אוּן מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עַיֵּין גִּיטִּין סב.): 'מַאן מַלְכֵי, רַבָּנָן', וֶוער זֶענֶען דִי קֶענִיגְן? דִי רַבָּנָן. וְזֶה אוּן דָאס זָאגְט אוּנְז דִי מִשְׁנָה: 'עֲשֵׂה לְךָ רַב' נֶעם צוּ זִיךְ אַ רַב, הַיְנוּ שֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט פַארְרֶעכְטְן דִי זַאךְ פוּן מַלְכוּת, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט, וְזֶה וִוי אַזוֹי? עַל יְדֵי 'קְנֵה לְךָ חָבֵר' טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: הַיְנוּ עַל יְדֵי קָנֶה דוּרְךְ אַ

שֶׁהַקּוֹל **יוֹצֵא** מִמֶּנּוּ, שֶׁמְּחַבֵּר הַשְּׁנֵי כְּרוּבִים לִהְיוֹת פָּנִים בְּפָנִים, "כְּמַעַר אִישׁ וְלוֹיוֹת", 'בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם'.

**וַאֲזַי** כְּשֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁלּוֹ, וְיוּכַל לִמְשֹׁל בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה, וְיוּכַל לְהָמִית לָזֶה וּלְהַחֲיוֹת לָזֶה, וְנִמְצָא עוֹלָם חָרֵב. לָזֶה אָמַר: 'וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת', שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בְּחֻרְבַּן

רער, **שֶׁהַקּוֹל יוֹצֵא מִמֶּנּוּ** וָואס דֶער קוֹל קוּמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט. 'קְנֵה' דֶער רֶער, 'לְךָ חָבֵר' – וֶועט דִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְךְ זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים – וֶועסְטוּ וֶוערְן בַּאהֶאפְטְן צוּ אִים, **שֶׁמְּחַבֵּר הַשְּׁנֵי כְּרוּבִים לִהְיוֹת פָּנִים בְּפָנִים** דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים; וַוייל דוּרְךְ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְבֶּענְקֶען צוּ אִים, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פַארְקְרָאכְן אוּן אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען דוּרְךְ אַ נִיגּוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אוּן וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים א ז, לו): **'כְּמַעַר אִישׁ וְלוֹיוֹת'** אַזוֹי וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זִיךְ אַרוּם אוּן וֶוערְן אֵיינְס, עֶס וֶוערְט אַ יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, דֶער אִיד וֶוערְט אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **'בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם'** וֶוען אִידְן טוּעֶן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי כְּרוּבִים אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעדְרֵייט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן (בָּבָא בַּתְרָא צט.), אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֲלִיַּת הַמַּלְכוּת, אַז מֶען בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ שֵׁיידְט נִישְׁט אָפּ פוּנֶעם אִיד בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

**רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי**

**וַאֲזַי כְּשֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁלּוֹ** אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער – וֶוערְט מֶען אוֹיף דִי מַדְרֵיגָה פוּן אַ צַדִּיק, **וְיוּכַל לִמְשֹׁל בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה** אוּן מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, וַוייל אַ צַדִּיק הָאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, **וְיוּכַל לְהָמִית לָזֶה וּלְהַחֲיוֹת לָזֶה** אוּן מֶען קֶען גֶעבְּן עוֹנְשִׁים פַאר דִי וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, **וְנִמְצָא עוֹלָם חָרֵב** אוּן דִי וֶועלְט קֶען חָרוּב וֶוערְן. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען (שַׁבָּת לג:) רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן, אוּן לֶערְנֶען נִישְׁט – הָאט עֶר זֵיי מַעֲנִישׁ גֶעוֶוען, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פַאר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי: 'לְהַחְרִיב אֶת עוֹלָמִי יְצָאתֶם' אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן הֵייל חָרוּב מַאכְן מַיין וֶועלְט? 'חִזְרוּ לִמְעָרַתְכֶם' גֵייט צוּרִיק אִין הֵייל, מַאכְט נִישְׁט חָרוּב מַיין וֶועלְט. **לָזֶה אָמַר: 'וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת'** דֶערִיבֶּער זָאגְט דִי מִשְׁנָה קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, **שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת** מֶען מוּז קוּקְן גוּט, **כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בְּחֻרְבַּן הָעוֹלָם** וַוייל

דער אייבערשטער וויל נישט חרוב מאכן די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה מה, יח): כי 'לא לתהו בראה' די וועלט איז נישט באשאפן געווארן עס זאל זיין פוסט, 'לשבת יצרה' נאר עס זאל זיין באזעצט מיט מענטשן; דאס איז די שייכות פון די דריי זאכן אין די משנה.

**חזנים - נאראנים**

**ובשביל** זה מרגלא בפומא דאינשי עכשו לומר דעריבער הערט מען מענטשן זאגן – שהחזנים הם שוטים די חזנים זענען נאראנים, ואינם בני דעה און האבן נישט קיין שכל; פארוואס זענען חזנים שוטים? כי עכשו מלכות דקדשה בגלות ווייל יעצט ווען מיר זענען אין גלות איז די כבוד שמים פארשוועכט, ועל כן הנגינה שהיא נמשכת מאתר דנביאים מבחינת מחין ודעת דמלכות דקדשה, ועכשו שהמלכות בגלות, ועל כן הנגינה נפגמת אנשטאט זינגען ניגונים פון אמונה, ניגונים אז דער אייבערשטער איז

העולם, כי "לא לתהו בראה, לשבת יצרה":

**ובשביל** זה מרגלא בפומא דאינשי עכשו לומר, שהחזנים הם שוטים, ואינם בני דעה, כי עכשו מלכות דקדשה בגלות, ועל־כן הנגינה שהיא נמשכת מאתר דנביאים מבחינת מחין ודעת דמלכות דקדשה, ועכשו שהמלכות בגלות, ועל־כן הנגינה נפגמת, ועל־כן החזנים הם בלא דעת, כי אין להם כח עכשו להמשיך הנגינה משרשה שבקדשה, שהוא בחינת מחין ודעת של מלכות דקדשה, כנ"ל.

**אבל** לעתיד שיתעלה מלכות דקדשה, ויהיה "ה' למלך על כל הארץ", אזי תתעלה ותשלם הנגינה בבחינת דעת דמלכות דקדשה, שמשם נמשכת הנגינה כנ"ל.

איבעראל, ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין – זינגט מען נישט גוטע ניגונים, ועל כן החזנים הם בלא דעת דערפאר זענען די זינגערס נאראנים, כי אין להם כח עכשו ווייל זיי האבן נישט כח אין די היינטיגע טעג – להמשיך הנגינה משרשה שבקדשה צו נעמען די ניגונים פון די קדושה, שהוא בחינת מחין ודעת של מלכות דקדשה, כנ"ל זיי נוצן נישט זייער כח צו מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן.

**שפירן דעם אייבערשטן**

**אבל** לעתיד אבער ווען משיח וועט קומען, שיתעלה מלכות דקדשה און דער אייבערשטער וועט געהייליגט ווערן, ויהיה (זכריה יד, ט): 'ה' למלך על כל הארץ', דער אייבערשטער וועט קעניגן אויף די גאנצע וועלט – אזי תתעלה ותשלם הנגינה דעמאלט וועט דערהויבן ווערן און גאנץ ווערן די ניגונים, בבחינת דעת דמלכות דקדשה אלע וועלן שפירן דעם אייבערשטן, שממשם נמשכת הנגינה כנ"ל און מען וועט זינגען

נָאר נִגּוּנֵי אֱמוּנָה. וְזֶהוּ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מז, ח): 'כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹקִים', וַוייל אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענִיג, 'זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל' זִינְגְט מִיט שֵׂכֶל. כִּי אֲזַי כְּשֶׁיִּהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט קֶענִיגְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וְיִתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה אוּן אַלֶע וֶועלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲזַי דֶעמָאלְט: 'זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל' וֶועט מֶען זִינְגֶען מִיט שֵׂכֶל, הַיְנוּ שֶׁהַחַזָּנִים הַמְזַמְּרִים יִהְיוּ בְּדַעַת וּבְשֵׂכֶל דִי זִינְגֶערְס, דִי חַזָּנִים וֶועלְן זִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִיגוּנִים מִיט שֵׂכֶל, עַל יְדֵי שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה וַוייל אַלֶע וֶועלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִיקַבְּלוּ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אַלֶע לִידֶער וֶועלְן זַיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּעַת וּמֹחִין שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל מֶען וֶועט פוּן גָארְנִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בַּאקוּמֶען דֶעם טִיטְל רֶבִּי**

שַׁיָּךְ לְעֵיל. אוֹיבְן אִין דִי תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוֹיב מֶען לֶערְנְט שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, מֶען לֶערְנְט צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם טִיטְל רֶבִּי – אִיז דָאס לֶערְנֶען נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט בַּאקוּמְט מֶען אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד אוּן מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה. לֵייגְט דֶער רֶבִּי יֶעצְט צוּ, וְזֶהוּ דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק: 'כִּי גָּדֹל' עֶס אִיז גְרוֹיס, 'מֵעַל שָׁמַיִם' בִּיז אִיבֶּערְן הִימְל – 'חַסְדֶּךָ' דַיין חֶסֶד (תְּהִלִּים קח, ה), 'שָׁמַיִם' הוּא בְּחִינַת קוֹל, הִימְל – שָׁמַיִם מֵיינְט מֶען 'קוֹל', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד, לו): 'מִשָּׁמַיִם הִשְׁמִיעֲךָ קוֹלוֹ' פוּן הִימְל הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעלָאזְט הֶערְן מַיין קוֹל, כִּי עַל יְדֵי הַחֶסֶד, הַיְנוּ בְּחִינַת חוּט שֶׁל חֶסֶד, הַנִּמְשָׁךְ עַל יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה, וַוייל דוּרְךְ דֶעם חוּט פוּן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיינַאכְט – עַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן הַקּוֹל כַּנַּ"ל דוּרְכְדֶעם וֶוערְט פַארְרַאכְטְן דִי קוֹל, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק: 'כִּי גָּדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ', כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ (תְּהִלִּים מז): "כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים, זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל", כִּי אֲזַי כְּשֶׁיִּהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ, וְיִתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, אֲזַי: "זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל", הַיְנוּ שֶׁהַחַזָּנִים הַמְזַמְּרִים יִהְיוּ בְּדַעַת וּבְשֵׂכֶל, עַל־יְדֵי שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וִיקַבְּלוּ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּעַת וּמֹחִין שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

שַׁיָּךְ לְעֵיל. וְזֶהוּ: "כִּי גָּדֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ" (תְּהִלִּים קח), "שָׁמַיִם" הוּא בְּחִינַת קוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ קוֹלְךָ", כִּי עַל־יְדֵי הַחֶסֶד, הַיְנוּ בְּחִינַת חוּט שֶׁל חֶסֶד, הַנִּמְשָׁךְ עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְתַּקֵּן הַקּוֹל כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ: "כִּי גָּדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ" כַּנַּ"ל:

**הַשְׁתֵּי** צִפֳּרִים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם הַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת, הֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַל־כֵּן הַעֲמָדַת מֶלֶךְ הָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה, כְּכָל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד, שֶׁהָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה, וְהַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַכְּרוּבִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל, שֶׁהֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

"**מֵאַחַר** עָלוֹת הֱבִיאוֹ", הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, כִּי הֵם יַנְקִין לַנְּבִיאִים וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ "מֵאַחַר עָלוֹת", הַיְנוּ שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן וּלְהַעֲלוֹת גַּם הַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ מֵאָדָם כָּשֵׁר, לְהַעֲלוֹתָהּ אֶל הַקְּדֻשָּׁה, וְזֶהוּ: "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ", הַיְנוּ גַּם הַנְּגִינָה שֶׁהִיא מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, בִּבְחִינַת "מֵאַחַר עָלוֹת", מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, כִּי הַנְּגִינָה דִּקְדֻשָּׁה הוּא מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין, וְהַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ בִּקְדֻשָּׁה הִיא בְּחִינַת "מֵאַחַר עָלוֹת", מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְדָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן נְגִינָה זוֹ גַּם־כֵּן, וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְעַלָּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ: "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב" וְכוּ', כִּי עַל־יְדֵי־זֶה זָכָה לְמַלְכוּת כַּנַּ"ל:

**נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס**

**הַשְׁתֵּי** צִפֳּרִים דִּקְדֻשָּׁה די צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ פוּן די קְדוּשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם הַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת וָואס הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט נְבוּאָה - הֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה זַיי בּוֹיעֶן אוֹיף די מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַל כֵּן הַעֲמָדַת מֶלֶךְ הָיָה עַל פִּי נְבוּאָה דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ קֶענִיג נָאר דוּרךְ אַ נָבִיא, כְּכָל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד אַזוֹי ווִי די מַלְכוּת בֵּית דָּוִד, שֶׁהָיָה עַל פִּי נְבוּאָה וָואס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרךְ אַ נָבִיא, וְהַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַכְּרוּבִים אוּן די כֹּחַ הַנָּבִיא קוּמְט פוּן די כְּרוּבִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל וָואס זַיי זֶענֶען די זֶעלְבֶּע זַאךְ פוּן די צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ שֶׁהֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל.

'**מֵאַחַר** עָלוֹת הֱבִיאוֹ' פוּן אוּנְטֶער די קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ, הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת אֲפִילוּ פוּן די וָואס זֶענֶען פוּן 'מֵאַחַר', כִּי הֵם יַנְקִין לַנְּבִיאִים וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ דָאס מֵיינְט די פָּסוּק צוּ זָאגְן 'מֵאַחַר עָלוֹת' פוּן אוּנְטֶער די קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ, הַיְנוּ שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן וּלְהַעֲלוֹת גַּם הַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ מֵאָדָם כָּשֵׁר דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעקֶענְט פַארְעֶרְכְטְן אֲפִילוּ די סָארְט נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, לְהַעֲלוֹתָהּ אֶל הַקְּדֻשָּׁה דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט די כֹּחַ צוּ קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וְזֶהוּ דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק צוּ זָאגְן: 'מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ' פוּן אוּנְטֶער די קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ, הַיְנוּ גַּם הַנְּגִינָה שֶׁהִיא מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה אוֹיךְ די נִיגוּנִים וָואס אִיז די אַנְדֶערֶע זַייט פוּן קְדוּשָּׁה, בִּבְחִינַת 'מֵאַחַר עָלוֹת', מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, כִּי הַנְּגִינָה דִּקְדֻשָּׁה הוּא

מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יַנְקִין, וְהַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ בִּקְדֻשָּׁה הִיא בְּחִינַת 'מֵאַחַר עָלוֹת', מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְדָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן נְגִינָה זוֹ גַּם כֵּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט דִי כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעַלָּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי אַלֶע גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וְזֶהוּ: 'מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב' וְכוּ', כִּי עַל־יְדֵי־זֶה זָכָה לְמַלְכוּת כַּנַּ"ל אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן מַלְכוּת שָׁמַיִם, אַז אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דִי תּוֹרָה דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הֶערְן נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְם אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶערְן נִיגוּנִים פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְם, אוּן אוֹיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה בַּיינַאכְט, אַז דָאס אִיז אַלֶעם מְתַקֵּן; דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

## סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־תְּפִלּוֹת

לְנוֹרָא תְּהִלּוֹת, כְּלוּלִים מִכָּל טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל תְּפִלּוֹת, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, וְרִצּוּיִים וּפִיּוּסִים וּוִדּוּיִים וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְנַפְשׁוֹ, שֶׁיְּעוֹרֵר הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ לִזְכֹּר אֶת אַחֲרִיתוֹ. וְכִסּוּפִין וְגַעְגּוּעִים גְּדוֹלִים וַעֲצוּמִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ לַעֲבוֹדָתוֹ וּלְתוֹרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כָּל תְּפִלָּה, כָּל תְּחִנָּה, כָּל בַּקָּשָׁה הַמֻּכְרָח לְכָל אִישׁ וָאִישׁ, אֲשֶׁר יוֹדֵעַ אֶת נִגְעֵי לְבָבוֹ וּמַכְאוֹבָיו, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל יִמְצָא בְתוֹךְ תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת הַלָּלוּ; אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּהֶם! לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ, קָשְׁרֵם עַל לוּחַ לִבֶּךָ, לְמַעַן תֶּחְכַּם בְּאַחֲרִיתֶךָ:

מְיֻסָּדִים עַל אַדְנֵי פָּז הַמַּאֲמָרִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ **״לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן״**. יְסָדָם אֶחָד הַמְיֻחָד שֶׁבְּתַלְמִידָיו, אֲשֶׁר יָצַק מַיִם עַל יָדָיו, הָרַב הַגָּאוֹן הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, מְאוֹר עֵינֵינוּ, אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי **נָתָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, עַל־פִּי פְּקֻדָּתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ הַגָּדוֹל, בַּעַל הַמְחַבֵּר הַ**״לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן״**, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. כַּמְבֹאָר בַּהַקְדָּמָה, לֵךְ נָא רְאֵה שָׁמָּה:

יָצְאוּ בָרִאשׁוֹנָה לָאוֹר עַל־יְדֵי מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נָתָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ בִּשְׁנַת **תקפ״ב** לִפְרָט קָטָן, וְכָתַב בְּעַצְמוֹ לִפְרָט ״תַּחַת אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי וַאֲנִי תְפִלָּה״.

## אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיף

## אִידִישׁ

א הַאַרְצִרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ
גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי תּוֹרָה

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט פוּנֶעם
הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי תְּפִילּוֹת

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵי עֶס זָאל זַיין דֶער ווילְן פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זִינְגֶען עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים פַאר דִיר, אוּן מַיינֶע נִיגוּנִים זָאלְן זַיין נָאר דִיךְ צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען. אִיךְ זָאל הֶערְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, וָואס הֶעלְפְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אִיךְ זָאל חַס שָׁלוֹם נִישְׁט הֶערְן נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, וָואס נֶעמֶען זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ פוּן דִי קְלִיפּוֹת, וָואס שְׁטֶערְט דִיךְ צוּ דִינֶען.

**אָנָּא** הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיךְ בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, וֶוען אִיךְ לֶערְן זָאל אִיךְ נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אוּן מִיט דִי כַּוָונָה פוּן לִשְׁמָהּ זָאל אִיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. מִיט דַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת הִיט מִיךְ פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם, דֶער שְׁלַאנְג – וָואס וִויל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן אוּן אַיינְשְׁלִינְגֶען. עֶר וִויל מִיךְ מַאכְן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע כַּוָונָה, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד, מֶען זָאל מִיךְ רוּפְן מִיט טִיטְלֶען פוּן כָּבוֹד; אָנָּא הַשֵּׁם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְבְּלַייבְּן בַּיינַאכְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען דִי חוּט שֶׁל חֶסֶד, זִיךְ בַּאשִׁיצְן אוּן וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נִיגוּנִים אוּן פוּן אַלֶע קוֹלוֹת וָואס שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען – זָאל אִיךְ וַויִיטֶער לֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ״ס, אַלֶע זֶעכְצִיג מַסֶכְתּוֹת אוּן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, ״וְתִמְלֹךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מְהֵרָה לְבַדֶּךָ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ״, בְּרֶענְג שׁוֹין דִי גְאוּלָה, שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְן פַאר אַלֶעמֶען אַז דוּ בִּיסְט קֶענִיג, אוּן אַלֶע וֶועלְן זִינְגֶען צוּ דִיר, אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן נָאר פוּן דִיר, אַלֶע וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז דוּ בִּיסְט קֶענִיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מז, ז–ח): ״זַמְּרוּ אֱלֹהִים זַמֵּרוּ זַמְּרוּ לְמַלְכֵּנוּ זַמֵּרוּ, כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל״, וֶוען אַלֶע וֶועלְן נָאר זִינְגֶען צוּ דִיר, אַלֶע וֶועלְן נָאר רֶעדְן פוּן דִיר, וֶועלְן אַלֶע נִיגוּנִים זַיין נָאר פוּן אֱמוּנָה, אוּן בּוֹי אוּנְז שׁוֹין אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן בְּרֶענְג צוּרִיק דִי כֹּהֲנִים זָאלְן טוּן דִי עֲבוֹדָה, אוּן דִי לְוִיִּם זָאלְן זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

# מהדורת דעפריס

נתנדב על ידי

**חיים ישעי' דעפריס הי"ו**

**וזוגתו חינקא חי' באבא תחי'**

**ובנם יחזקאל שרגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם